# הבינוני

פרשת שמות ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ה ||| שנה ב'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

הבינוני
"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א



פטרון סדר שמות
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות


## בך בטחתי

### ויראו מנוחה כי טוב;

מנוחת הנפש דורך אָפּטיילן די 'תוצאות' פון די 'השתדלות'

יום ראשון פרשת כי תצא ח' אלול תשע"ט

א

## אין מנוחה אלא נבואה; דאָס שלימות'דיגע לעבן פון דעם 'בעל בטחון'

### דער בוטח דערגרייכט צו דעם מאַקסימום פון 'מנוחת הנפש'

מיר האָבן געלערנט די ווערטער וואָס דער 'חובת הלבבות' שרייבט אין דער פתיחה אַז איינס פון די גרויסע תועלת'ן פון אַ 'בוטח באלקים' איז, אַז זיין בטחון וועט אים ברענגען צו קענען עוסק זיין בעבודת ה' מיט אַ "**מנוחת הנפש, ורוחב הלב, ומיעוט דאגה**". ער וועט אַלעמאָל האָבן אַ געשמאַקע רואיגקייט, דאָס האַרץ וועט אים זיין ברייט, ווייל ער איז בכלל נישט פאַר'דאגה'ט אויף גאָרנישט.

דער 'חובת הלבבות' איז דאָס מדמה צו איינעם וואָס קען מאַכן 'גאָלד און זילבער' פון יעדע סאָרט מאַטעריאַל, אַזאַ מענטש האָט דאָך נישט קיין דאגות, אָבער **דער 'בעל בטחון' איז מיט צען זאַכן נאָך שטאַרקער און רואיגער פון יענעם!** ער האָט ממש דעם שפּיץ פון 'מנוחת הנפש' וואָס קען נאר זיין!

לאָמיר אַביסל מרחיב זיין וויאַזוי קען טאַקע דער מענטש משיג זיין אַזאַ סאָרט רואיגקייט, וואָס דאָס איז די גרעסטע תענוג אפילו בגשמיות און אודאי ברוחניות, ווי דער 'חובת הלבבות' זאָגט אַז די עיקר תכלית פון דעם 'מנוחת הנפש' איז אַז דורכדעם קען מען אַוועקגעבן און ליידיג מאַכן דאָס האַרץ פאַר עבודת ה'. וויאַזוי באַקומט מען טאַקע אַזאַ רואיגקייט?!

### בטחון ברענגט אַ 'שלימות' אין אַלע חלקי הנפש

עס שטייט אין פסוק אין פרשת ויחי, ביי דער ברכה פון שבט יששכר: "**וירא מנוחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבול**". - ווען יששכר האָט געזען אַז מנוחה איז אַזוי גוט האָט ער זיך געזעצט לערנען. איז דאָ אַ 'מדרש רבתי' וואָס זאָגט אויף דעם פסוק: "**אין מנוחה אלא נבואה**".

די פשוט'ע הסבר פון דעם מדרש איז ווי פאָלגנד: ווען אַ מענטש האָט מנוחה באַדייט דאָס אַז עס פעלט גאָרנישט פון זיין נפש. ער איז הונדערט פּראָצענט 'מושלם' מיט אַלע זיינע כוחות הנפש! ווען אַ איד האָט אָט די 'שלימות', מיט די ריכטיגע 'מנוחת הנפש', ווערט דערמיט אָנגעפולט אַלע זיינע חלקי הנפש, עד כדי כך אַז ס'איז שורה אויף אים אַזאַ סאָרט 'השראת השכינה' וואָס איז אַן ענין פון נבואה.

דאס איז גלייך צו דעם באַגריף פון 'בא שבת בא מנוחה'. **שב"ק איז דאך די 'נשמה' פון דער 'בריאה'**. ס'איז קודם געווען די 'ששת ימי בראשית' אָבער כדי די בריאה זאל באַקומען דעם שלימות האָט געדאַרפט קומען אַ שבת. **דעמאָלט איז נשלם געוואָרן די בריאה, און דעמאָלט איז טאַקע אויך אָנגעקומען די 'השראת השכינה' אויף דער בריאה.** ווייל ווען ס'איז דאָ' שלימות' קומט אויטאָמאַטיש אויך די 'אלוקות'. אום שבת קודש באַקומט אַ איד די מתנה פון 'מנוחה', ממילא איז שורה אויף אים אַ 'רוח אלקים'.

דאָס זעלבע איז מיט אַ מענטש וואָס איז אַ 'בעל בטחון', ער איז זוכה אַז די בטחון ברענגט אים אַזאַ מנוחת הנפש אַז ממש ער שווימט אין זיין רואיגקייט, זיינע אַלע חלקי הנפש זענען פאַראייניגט מיט אַ מנוחה, און דאַן איז שורה אויף אים אַ 'רוח אלקים'! אַדאַנק זיין מנוחת הנפש באַקומט ער אַ בחינה פון 'השראת השכינה' וואָס צייגט אים אן די ריכטיגע זאַך וואָס ער זאָל טון לויט דעם רצון ה'.

ב

## ויט שכמו לסבול; ס'איז נישט 'וואָס' מען טוט, ס'איז 'וויאַזוי' מען טוט עס

### אַ מענטש וויל בטבע אַרבעטן און אויפטון אויף דער וועלט

ווען מען רעדט איבער די 'שלות הנפש' וואָס דער בעל בטחון איז זוכה דערצו, אַז ער זאָרגט בכלל נישט פאר אַ וועלט וואָס איז נישט זיינס, איז נישט די באַדייט אַז ער דארף יעצט גאָרנישט טון אין זיין לעבן, ווייל דער רבוש"ע האָט דאָך אַריינגעלייגט אין דער טבע אַז יעדער מענטש וויל אַלעמאָל עפּעס טון און אויפטון,

אויב נישט פֿאַלט מען חלילה אַריין אין אַן עצבות.

מ'קען זען אַן אינטערעסאַנטע זאַך אַז ווען אַ מענטש געפֿינט זיך אויף וואַקאַציע, וואו ער אַרבעט נישט און טוט גאָרנישט ווייל ער דאַרף גאָרנישט מסדר זיין, **פעלט אים בדרך כלל פון זיין 'שמחת החיים'**, אפילו ער האָט נישט קיין שום דאגות אויף דער וועלט!

### גיין ליידיג ברענגט טרויעריגקייט

אַז מ'קוקט זיך אַרום ווערט מען זען אַז ווען אַ געוויינליכער מענטש האָט נישט קיין באַשעפטיגונג אפילו איין טאָג, **וועט ער שוין מאָרגן זוכן עפּעס וואָס צו טון, כדי צו אָנפילן זיין נפש.**

מ'קען דאָס באַמערקן אפילו ביי קינדער וואָס האָבן געוועגליך נישט ליב צו גיין אין חדר, אָבער אויב דאָס קינד איז שוין אַ וואָך אינדערהיים, וויל ער שוין צוריקגיין צום נאָרמאַלן סדר, נאָכ'ן זיך פּייניגן פון נישט האָבן קיין שום באַשעפטיגונג אַ וואָך צייט. די עיקר תכלית פון 'בין הזמנים' איז וואַרשיינליך ווייל נאָכדעם וויל מען שוין צוריקלויפן אין ישיבה... וויבאַלד מ'קען נישט סובל זיין דאָס ליידיגגיין. **אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין שום סדר ווערט צעבראָכן דערפון.**

שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע וואָס האָבן אַסאַך איבעריגע געלט און טוען גאָרנישט מיט'ן טאָג, זיי זענען דאָך אַזוי צעבראָכן און אַזוי טיף בעצבות. ווידעראום פאַרקערט, די מענטשן וואָס האָבן 'טשעלענדזשעס' אין לעבן, זיי האָבן אַזויפיל זאַכן צו ערלעדיגן, זיי זענען פאַרנומען צו קוקן און גיין און זיי זענען טאַקע 'מלא סיפוק' מיט אַמביציע און ענערגיע, זיי זענען לעבעדיג!

אַ מענטש וואָס האָט קיין שום זאַך נישט צו מסדר זיין, ער דאַרף גאָרנישט טון, **אַזאַ מענטש פאַרלירט דעם 'שמחת החיים'**. ווי ס'איז באַקאַנט אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון די וועלכע האָבן געוווינען די 'לאָטערי' האָבן זיך גענומען דאָס לעבן מרוב עצבות, אַזוי ווייט ווערט מען טרויעריג ווען מען האָט נישט קיין באַשעפטיגונג.

די אמת'ע 'שמחת החיים' געפֿינט זיך ביי מענטשן וואָס זענען פאַרנומען מיט מעשים און פעולות. ווידער פאַרקערט, דאָס 'גאָרנישט טון' ברענגט נישט צו קיין 'שמחת החיים', נאָר צו דאָס פאַרקערטע!

### די שווערקייט פון אַרבעטן אָן קיין בטחון

אַלזאָ, ווען מ'רעדט פון די רואיגקייט פון דעם 'בעל בטחון' מיינט דאָס נישט אַז ער וועט גאָרנישט דאַרפן טון אויף דער וועלט. די עיקר כוונה איז אַז אַפּגעזען וואָס ער טוט, וועט ער דאָס טון **מיט אַ 'מנוחת הנפש' און נישט מיט קיין ביטערניש.**

מענטשן וואָס האָט נישט קיין בטחון זענען פאַרנומען 'יומם ולילה' צו מסדר זיין פראָבלעמען.

## אַלע 24 שעה קען ער טון נאָכאַנאַנד פּונקט דאָס וואָס ער האָט ליב.

זיי שפּירן אַלעמאָל אַז באמת וואָלטן זיי נישט געוואָלט טון דאָס וואָס זיי טוען, נאָר זיי האָבן פשוט נישט קיין ברירה, ס'איז אונטערגעקומען די ענינים וואָס ברויך ערלעדיגט ווערן.

דער איד וואָס איז נישט קיין 'בעל בטחון' שפּירט כל ימיו אַז ער איז נעבעך געצווינגען צו אַרבעטן מבוקר ועד ערב, כדי צו מסדר זיין זאַכן וואָס ער האָט נישט קיין שום געשמאַק דערינען. יעדן טאָג וואָס ער וועקט זיך אויף אינדערפרי דאַרף ער עוסק זיין מיט פרישע טרדות וואָס ער וויל בעצם נישט טון. זיין סלאָגאַן איז: "הער זיך איין, מ'לעבט נישט קיין האָניג אויף דער וועלט, מ'דאַרף טון וואָס מ'האָט צו טון"... אודאי האָט ער נישט דערפון קיין 'מנוחת הנפש' און נישט קיין 'שמחת החיים'.

### די ליכטיגע וועלט פון אַרבעטן מיט 'בטחון'

דאַקעגן, דער 'בעל בטחון' איז עוסק פון צופרי ביז ביינאַכט מיט גענוי דאָס וואָס ער האָט ליב! ער ברענגט זיך אַלעמאָל אַרויס זיין 'תכונת הנפש' און דאָס גיט אים אַ געוואַלדיגע 'שמחת החיים'!

יעדער מענטש האָט דאָך עפּעס וואו ער שפּירט אַז דאָרט גיט ער אַרויס זיינע 'כוחות הנפש', דער 'בעל בטחון' טוט טאַקע אַלעמאָל זאַכן וואָס ער האָט הנאה דערפון! ער האָט קיינמאָל נישט קיין זייטיגע טרדות וואָס שטערן אים פון זיין 'מנוחת הנפש'. **אַלע 24 שעה קען ער טון נאָכאַנאַנד פּונקט דאָס וואָס ער האָט ליב.**

דאָס איז די כוונה פון דעם 'חובת הלבבות' אַז **דער 'בעל בטחון' קען זיך 'מפנה זיין לבו' פון אַלע עניני העולם און עוסק זיין בלויז אין עבודת ה'**, ווייל ווען ער האָט בטחון דאַרף ער נישט דאגה'ן פון אַלע וועלטליכע דאגות, נאָר ער האָט אַ 'רוחב הלב', **גאָרנישט קען אים נישט מטריד זיין פון צו טון וואָס ער גלייכט!**

### די טרדות פון דער וועלט וואַקסן מיט'ן מענטש

וועלן מענטשן פרעגן אַז לכאורה שטימט דאָס נישט מיט דער מציאות פון דער וועלט וואו מיר וואוינען. די 'טבע העולם' איז דאָך אַז ווי עלטער דער מענטש ווערט, אַזויפיל מער טרדות באַקומט ער...

ווי גייט דאָס ווערטל: "אַז דער אויבערשטער העלפט האָט מען טרדות". דהיינו, אויב דער מענטש האָט ליידער גאָרנישט אין לעבן איז ער נעבעך צעבראָכן און פאַרוויטאָגט, אָבער ווען ער האָט ב"ה אַ גוט לעבן איז ער פאַרנומען אַגאַנצן טאָג. ווען דער אויבערשטער העלפט און דער מענטש האָט חתונה דאַרף ער ברענגען פרנסה; ווען דער אויבערשטער העלפט און דער מענטש האָט קינדער דאַרף ער אַגאַנצן טאָג מסדר זיין נאָך ענינים; ווען דער אויבערשטער העלפט און מ'מאַכט חתונה קינדער איז שוין דאָ פרישע טרדות. מענטשן טענה'ן אַז אַזוי גייט דער סדר פון דער וועלט, מ'קען זיך נישט אַרויסדרייען פון אַלע טרדות.

### די טעות פון לעבן אונטער שטענדיגע לחץ

וויפיל מאָל פאַסירט אַז אַ איד טרעפט זיך אין אַ מצב וואָס זיין בחור דאַרף אַריינגיין אין 'ישיבה קטנה' און ס'איז דאָ דערביי אַ גאַנצע פרשה... **דאָס קען דאָך אַוועקנעמען פון דעם פאָטער צוויי חדשים פון רואיגקייט**, ער איז מברר וועלכע ישיבה ס'איז גוט, ער פּרובירט אַריינשיקן אַפּליקאַציעס צו עטליכע ישיבות, ער שטופּט זיך אַריין מיט פּראָטעקציע, ער פאַראַנדלט מיט מנהלים, ער שיקט אונטער מענטשן זאָלן אים העלפן, א.א.וו.

דערווייל האָט דער זעלבער טאַטע אויך אַ צווייטע קינד, וואָס ב"ה אַז אַלעס איז פיין, אָבער ס'איז דאָ אַ קליינע פּראָבלעם מיט אַ ציין ווייטאָג, דער דאָקטער זאָגט אַז ס'וועט קאָסטן עטליכע טויזנט דאָלער... ב"ה אַז ס'איז פאַר גוטע סיבות, אָבער דער מענטש טענה'ט אַז ס'איז יאָ פאַראַן טרדות אויף דער וועלט. ווי קען מען זאָגן אַז דער בעל בטחון האָט נישט קיין טרדות?!

אויב האָט דער מענטש נישט קיין געלט איז ער פאַר'דאגה'ט וועגן געלט, און לאָמיר שוין זאָגן אַז דער בעל בטחון וועט יאָ האָבן געלט, אָבער געלט איז דאָך נישט אַלעס! וויפיל זאַכן קען מען נישט מסדר זיין מיט קיין געלט?! ער איז אַזוי פאַרנומען 'בוקר ערב וצהרים' צו מסדר זיין זאַכן, עד כדי כך אַז ווען מ'זאָגט אים אַז ער זאָל זיך קובע זיין 'עתים לתורה' אַ שעה אין טאָג, קוקט ער דיך אָן מיט וואונדער: **"מיר זענען עפּעס מלאכים וואָס האָבן נישט חתונה געהאַט און האָבן נישט קיין קינדער? וואָס זאָל איך טון? ס'איז נישט מעגליך איך זאָל מיך אָפּרייסן אפילו אַ שעה אין טאָג ווייל איך בין אַזוי פאַריאָגט מיט טרדות."**

קומט דער 'חובת הלבבות' און ער איז מודיע אַז **דער 'בעל בטחון' קען לעבן רואיג און דאגה'לאָז**, אפילו אויב ער האָט 17 קינדער בליעה"ר, און אפילו אויב ער דאַרף ערלעדיגן אומצאָליגע זאַכן אויף אַמאָל. פונקט ווען ער מאַכט חתונה אַ טאָכטער, איז אויך דאָ אַ 'בר מצוה' פון זיין בחור,

און עטליכע פון זיינע אַנדערע קינדער האָבן שוועריגקייטן אין די מוסדות און בנוסף דאַרף ער נעמען אַ קינד צום דאָקטער... **אָבער דער בוטח בה' גייט נישט שפּירן אָנגעשטרענגט!** ער וועט אַלעמאָל שפּירן אַז די אַלע טרדות איז נישט זיינע! ס'האָט גאָרנישט מיט אים!

## דער 'אנכי' איז פּונקט אַזוי רעלעוואַנט פאַר אידישע טעכטער

און זאָל טאַקע זיין קלאָר אַז די הייליגע ווערטער פון דעם 'חובת הלבבות' איז געזאָגט נישט בלויז פאר מענער וואָס האָבן באַקומען די קללה פון 'בזיעת אפך תאכל לחם'. **דער 'חובת הלבבות' רעדט אויך צו די 'ווייבער שול'!**

די תורה הק' איז געגעבן געוואָרן פּונקט אַזוי פאר די פרויען, ווי דער פּסוק זאָגט אַלס הקדמה צו מתן תורה: "כה תאמר לבית יעקב - אלו הנשים". די פרויען זענען געווי דאָס זעלבע באַפוילן געוואָרן 'אנכי ה' אלקיך' וואָס אין דעם פּסוק ליגט די מצוה פון בטחון!

די אַלע כללים פון בטחון איז מיט קיין האָר נישט ווייניגער שייך ביי אידישע מאַמעס וועלכע זענען פאַרנומען אַגאַנצן טאָג מיט שטיבער פון קליינע קינדער. די קינדער פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ אויף אַזוי ווייט אַז די מאַמעס קענען נישט אַרויסזאָגן אַ אידישע ווארט, זיי זענען אפילו פּטור פון דאַווענען, ווייל זיי האָבן נישט קיין מח און קיין צייט!

אָבער **אויך צו די מאַמעס רעדט דער 'חובת הלבבות' און ער זאָגט אַז זיי קענען אויך אָנקומען צו אַזאַ 'מנוחת הנפש'**, צו זיין רואיג און צופרידן, אָן קיין שום טרדות! מ'קען זיין פאַרנומען מיט'ן צושטעלן די באַדערפענישן פון די קינדער אָן אויפהער, און טראָצדעם איז דאָס נישט קיין שום סתירה מיט דעם רואיגקייט וואָס בעלי בטחון זענען זוכה דערצו.

## דער וואָס האָט 'עולם הזה' האָט אויך 'עולם הבא'

צווישן מענטשן דרייט זיך אַרום פאַרשידענע אויסדרוקן, צום ביישפּיל אַז אַ אידישע מאַמע וואָס איז מגדל זיבן יונגלעך וועט באַקומען אַ שטול אין גן עדן, ווייל מ'האט דאך שוין געהאַט דאָס גיהנום אויף דער וועלט... אַז מען האָט ערצויגן קינדער אין אַלע יאָרגאַנג און מען האָט זיך אַזוי צעריסן מיט די אַלע טרדות, דעמאָלט מוז דאָך זיין אַז השי"ת וועט צוריקצאָלן אויף יענע וועלט, ווייל אויף די וועלט האָט מען בלויז געליטן...

פון אַזעלכע אויסדרוקן זעט מען ווי קרום אונזערע מוחות קענען צומאָל לויפן. **כאילו ס'איז אַ סתירה צווישן עבודת ה' און מנוחת הנפש**, און כאילו די וואָס גייען אין גן עדן זענען די מענטשן וואָס האָבן געליטן און אונטערגעבראָכן אויף דער וועלט... ווען באמת איז דאָס פּונקט פאַרקערט; **די וואָס וועלן גיין אין 'גן עדן' זענען די אידן וואָס האָבן שוין געהאַט אַ 'גן עדן' אויף דער וועלט, ווייל זיי האָבן נישט געשפּירט קיין שום דאגה און טרדה, צוליב זייער בטחון אין השי"ת!**

## די 'מנוחת הנפש' פון דעם ענערגישן 'עוסק בצרכי ציבור'

צום באַדויערן איז דאָ ביי אונז דער פאַלשער בליק אַז אויב מען טוט פאַר'ן רצון ה' דאַרף מען זיין גרייט צו ליידן. מ'קען דאָס הערן אויך פון מענטשן וואָס זענען עוסק בצרכי ציבור באמונה. אַזאַ איד קען זיך אָפּרעדן: "קוק וויאַזוי איך זעה אויס, כ'האָב נישט קיין דאַווענען, כ'האב נישט קיין לערנען, כ'האָב נישט קיין שבת און קיין יום טוב, כ'האב נישט קיין צייט פאר מיין משפּחה, בלויז טעלעפאָנען יומם ולילה אַהין און אַהער". דאַן איז ער זיך מחזק: "הער זיך איין, כאָטש טו איך אויף פאַר אידישע קינדער"...

די נחמה איז אַן אמת'ע זאַך אָבער די שורש פון אַזעלכע ווערטער איז **אַזאַ טעות!** כאילו ער דאַרף יעצט אַוועקגעבן זיין גאַנצע מנוחת הנפש, זיין גאַנצע געפיל, און זיין שבת ויום טוב, אַלעס פאר זיין עסקנות לטובת אידן.

קומט דער 'חובת הלבבות' און זאָגט פאר דעם איד: דו גייסט טאַקע באַקומען אַסאַך שכר פאַר'ן עוסק זיין פאַר אידנס וועגן, אָבער זאָלסט וויסן אַז ס'איז בכלל נישט קיין סתירה צו האָבן אַ לעבן פון "מנוחת הנפש ורוחב הלב ומיעוט דאגה"! **איינער וואָס איז עוסק בצרכי ציבור קען אויך האָבן אַ תענוג פון אַ תפלה; אַ געשמאַק אין אַ שבת; און ער קען אפילו טרעפן עטליכע שעות אין טאָג פאר לימוד התורה!** ס'איז נישט קיין שום סתירה די צוויי זאַכן!

## אויב מיר פאַרשטייען דאָס נישט האָבן מיר דאָס נישט גוט אָפּגעלערנט

דער כלל פון דער גאַנצער תורה איז אַז אויב מען דערזעט זיך מיט קשיא וואָס מען פאַרשטייט נישט, מיינט דאָס אַז מ'דאַרף אָנהויבן די סוגיא נאָכאַמאָל, ווייל ס'מוז זיין אַז ערגעץ וואו האָט מען געהאַט דאָ אַ טעות און אַז מ'וועט צוריקגיין און איבערלערנען די גאַנצע זאַך וועט אַלעס שטימען, מ'דאַרף נאר טרעפן דעם טעות.

עס מוז זיין אַז **ס'איז יאָ דאָ אַ מציאות וויאַזוי צו לעבן דאָ אויף דער וועלט, מיט אַלע אירע דאגות און טרדות, און פאָרט זאָל מען פאַרמאָגן אַ געוואַלדיגע 'מנוחת הנפש' אין אַלע סאָרט מצבים!** אַזוי זאָגן אונז די הייליגע ראשונים, בעלי רוח הקודש, וואָס האָבן משיג געווען 'תורת אמת', אַז אַז אויב אַ מענטש האָט בטחון וועט נישט קיין סתירה די צוויי זאַכן.

## 'ארבעטן פלייסיג' צוזאַמען מיט מאַקסימום 'מנוחת הנפש'

לאָמיר מודה זיין על האמת אַז מיר קוקן דאָס יאָ אָן ווי אַ 'סתירה מוחלטת'!

מיר קוקן דערויף כאילו ס'איז דאָ מענטשן וואָס זייער תפקיד אויף דער וועלט איז צו לערנען און דינען השי"ת אין אַ ווינקל, און נאָכדעם איז פאַרהאַן אַנדערע מענטשן וואָס אויף זיי איז נגזר געוואָרן אַ תפקיד פון טרדות, זיי זאָלן נישט האָבן קיין 'מנוחת הנפש' קיין איין סעקונדע, און זיי גייען באַקומען שכר וויבאַלד זיי האָבן מקריב געווען זייער גאַנצע לעבן מיט זייער משפּחה צו העלפן אידן.

אָבער דער 'חובת הלבבות' לערנט אונז אַז 'על פי דרך התורה', איידער אַ איד הייבט אָן סיי וועלכע עבודת ה' איז קודם דאָ די מצוה פון 'אנכי ה' אלקיך'! די ערשטע הקדמה צו יעדע גוטע זאַך וואָס מען טוט, איז די מצוה פון 'בטחון'. דאָס איז די אלף בית! דערמיט הייבט זיך אַלעס אָן!

און אַז מען לערנט נישט ריכטיג די יסודות פון 'אמונה ובטחון', ווערט טאַקע יעדע זאַך אַ סתירה איינס מיט'ן אַנדערן. מען מיינט אַז אויב מ'העלפט אידן וועט עס קומען אויפ'ן חשבון פון תורה ומצוות מיט'ן אויסרייד אַז: "וואָס זאָל איך טון, דאָס איז מיין סאָרט עבודת ה'"... אָבער אויב וועט מען אָנהויבן מיט די ערשטע מצוה פון 'אנכי' און מען וועט אַרבעטן צו קונה זיין 'אמונה ובטחון', וועט מען זען אַז ס'איז נישט קיין סתירה, אדרבה, **איינס ברענגט דאָס אַנדערע!**

ג

# כי ה' יתן חכמה; די 'תוצאות' פון אונזערע 'פּעולות' ליגט בלויז אין די הענט פון השי"ת

## די ידיעה אַז מיר קענען גאָרנישט מסדר זיין אויף למעשה

אונזער אַרבעט איז זיך צו איינגעוואוינען מיט אַ נייע 'סעט' פון מחשבות. מיר דאַרפן זיך דערמאַנען אומאויפהערליך אַז דער אמת איז נישט ווי די שקר'דיגע בליק פון דער וועלט, כאילו ס'איז פאַרהאַן אַ סתירה צווישן אָנפילן אונזער אייגענע 'חלק' בתורה, מיט אונזער אַרבעט צו ערלעדיגן טרדות.

די ערשטע יסוד וואָס מ'דאַרף געדענקן איז אַז **דער מענטש קען גאָרנישט מסדר זיין אויף דער וועלט!** נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַמע, נישט קיין עסקן, **קיינער האָט נישט די מעגליכקייט צו ברענגען סיי וועלכע לעזונג פאר**

**קיין שום פּראָבלעם אין דער וועלט!** מיר קענען נישט העלפן, נישט פאר קיין קליינע פּראָבלעמען און נישט פאר קיין גרויסע פּראָבלעמען!

### די 'תוצאות' באַלאַנגט נישט פאר אונזער אָפּטיילונג

מ'זעט עס דאָך קלאָר אין דער בריאה אַז צוויי מענטשן זענען עוסק אין דער זעלבער פּרנסה; איינער פאַרדינט שיין און דער צווייטער איז אן אָרימאַן. צוויי אידן זיצן און לערנען; איינער איז מצליח און דער צווייטער איז נישט מצליח. צוויי אידן גייען פאַר אַן אודיענץ צו באַקומען אַ פּאָסטן,ביידע האָבן געזאָגט די זעלבע זאַכן; איינער איז נושא חן דער אַנדערער איז נישט נושא חן.

דאָס איז וויבאַלד מיר קענען טאַקע טון 'פּעולות' אָבער מיר האָבן נישט קיין שום מעגליכקייט צו קענען ברענגען 'תוצאות'! **די חלק פון 'רעזולטאַטן' ליגט נישט אין אונזערע הענט, אפילו קיין 'כהוא זה' נישט!**

### נאָך אַלע 'פּעולות' איז נאָר דאָ איין עצה; זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת

אַזוי זאָגט אונז די גמרא קלאָרע ווערטער אין סוף מסכת נדה (ע, ב): מען האָט געפרעגט רבי יהושע בן חיננא "**מה יעשה אדם ויחכם**", האָט ער געענטפערט "**ירבה בישיבה וימעט בסחורה**". ווען מען האָט אים ווייטער געפרעגט: "**הרבה עשו כן ולא הועיל להם?!**", האָט ער געזאָגט: "**אלא יבקשו רחמים ממי שהחכמה שלו, שנאמר כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה**".

דאָס מיינט אַז דער מענטש קען טון די 'פּעולה', ער קען זיך זעצן לערנען, **אָבער ער קען נישט מאַכן ס'זאָל זיין 'עלתה בידו'!** אויב דו ווילסט אָנקומען ערגעץ, דעמאָלט איז פאַרהאַן בלויז איין איינציגע עצה: "יבקש רחמים ממי שהחכמה שלו". **דער רבוש"ע האָט אונז טאַקע געהייסן טון 'השתדלות', אָבער ער האָט אונז גע'פּטר'ט פון ברענגען די 'תוצאות'!**

### מיר קענען גאָרנישט אויפטון

אין אנדערע ווערטער: השי"ת האָט אונז מגלה געווען אין דער תורה אַז **דו האָסט נישט קיין שום מעגליכקייט צוצוברענגען גאָרנישט!** דער גרעסטער עסקן מיט די גרעסטע פּראָטעקציע, וואָס האָט קשרים מיט יעדן און קען שלעפּן די ריכטיגע שטריק, **האָט נישט ביכולת צו אויפטון 'גאָרנישט' אויף דער וועלט!**

אודאי דאַרף ער פּרובירן, ער דאַרף טון די השתדלות לויט דעם סדר העולם, אָבער אַז די אַלע זאַכן זאל ברענגען די ערוואַרטעטע תוצאות? דאָס איז שוין נישט אין זיינע מעגליכקייטן.

ס'איז דאָ דערויף אָן קיין שיעור מאמרי חז"ל, אַז דער רבוש"ע האָט אונז בלויז געלאָזט און געהייסן באַאַרבעטן די בריאה, אָבער די ענד - רעזולטאַטן ליגט נאר ביי אים אין דער האַנט.

אַזוי זאָגט די גמרא אין מסכת קידושין (פב, ב):

## **"דער 'בעל בטחון' קען לעבן רואיג און דאגה'לאָז, אפילו אויב ער האָט 17 קינדער"**

**"רבי מאיר אומר לעולם ילמד אדם לבנו אומנות נקיה וקלה, ויבקש רחמים למי שהעושר והנכסים שלו, שאין עניות מן האומנות ואין עשירות מן האומנות אלא למי שהעושר שלו, שנאמר** (חגי ב, ח)**: לי הכסף ולי הזהב נאום ה' צבאות."** צוויי מענטשן קענען טון די זעלבע סאָרט פאַך, נישט דאָס 'עשירות' קומט דערפון און נישט דאָס 'אָרעמקייט' קומט דערפון. דאָס איז די פּשוט'ע פאַקט וואָס יעדער קען זען אין דער בריאה!

### אַז השי"ת העלפט קען מען טון

די ערשטע זאַך וואָס אַ מענטש דארף געדענקן ווען ער האָט טרדות, אַז: **די 'פּעולות' וואָס ער טוט, גייען 'נישט' ברענגען די 'תוצאות'! די תוצאות גייען קומען פון השי"ת!** אויב דו ווילסט ערגעץ אָנקומען, דו ווילסט עפּעס דערגרייכן, געדענק אַז דאָס האָט השי"ת 'נישט' אַריינגעלייגט אין אונזער מעגליכקייט, **דאָס ליגט פּשוט נישט אין אונזערע הענט!**

בנוסף לזה, די עצם זאַך אַז מ'קען בכלל עפּעס טון איז אַלעס בלויז מיט'ן כח פון השי"ת. ווי עס ווערט געברענגט אין ספר "אמרות טהורות", פון כ"ק אדמו"ר **מראַחמיסטריווקע** זצ"ל, בשם זיין שווער, כ"ק אדמו"ר **מסקווירא** זצ"ל: "די וועלט זאָגט 'אויב מען טוט העלפט דער אויבערשטער', אָבער מיר זאָגן 'אַז דער אויבערשטער העלפט קען מען טון'".

דאָס הייסט אַז אפילו ביי דעם ערשטן חלק, ביי דעם שטאַפּל פון 'השתדלות', קענען מיר גאָרנישט אליינס טון, בלויז אויב השי"ת העלפט. שוין אָפּגערעדט אַז די 'תוצאות' האָבן מיר זיכער נישט קיין מעגליכקייט צו אויספירן, אָן קיין סייעתא דשמיא.

### דער רבוש"ע פאַרלאַנגט נישט פון אונז קיין 'תוצאות'

אַ איד שטייט פאר אַ נסיון, זיין בחור דארף אַריינגיין אין ישיבה און ער האָט נאָכנישט קיין פּאַסיגע ישיבה, דער טאַטע האָט נישט די אַלע פּראָטעקציעס, ער געהערט נישט די חשוב'ע משפּחות פון דער קהלה... דער פּאָטער קען ממש נישט דאַווענען און נישט לערנען, ווייל ער האָט אַ געוואַלדיגע טרדה, ס'איז שוין באַלד אָנהויב זמן און זיין בחור האָט נאָכנישט וואו צו לערנען...

זאָל דער מענטש געדענקן אַז די תפקיד וואָס השי"ת האָט אים יעצט געגעבן אין דעם מצב, איז צו עוסק זיין אין 'נתינה'. ער דאַרף מטיב זיין מיט זיין בחור. **דאָס אַלעס!** נעם אַראָפּ די גאַנצע דאגה פון דיין קאָפּ!

איי, וואָס וועט זיין צום סוף מיט'ן בחור?! **דאָס קען איך סייווי נישט מאַכן.** דאָס באַלאַנגט שוין פאַר'ן אויבערשטן צו אויספירן!

ווען דער טאַטע הייבט אויף אַ טעלעפאָן צו רעדן מיט איינעם וועגן די ישיבה, זאָל ער זיך מרגיל זיין 'נישט' צו טראַכטן וויאַזוי דאָס גייט ברענגען די תוצאה! ער זאָל זיך מרגיל זיין צו טראַכטן אַן אַנדערע סאָרט מחשבה: **"איך בין יעצט מקיים דעם רצון הבורא צו העלפן מיין בחור! וויאַזוי קען איך בעסער מקיים זיין דעם רצון הבורא? איך וויל דורכדעם ווערן מער דבוק צו השי"ת. ווייל אַזוי ווי דער רבוש"ע איז אַלעמאָל 'מטיב', ער טוט גוטס מיט יעדן איינעם, דאָס זעלבע האָט מיך יעצט השי"ת געגעבן דער זכות צו טון די זעלבע אַרבעט".**

### פאַרוואָס זיין פאר'דאגה'ט פון זאַכן וואָס מיר קענען סייווי נישט אויספירן?

ווען מיר זענען עוסק אין פּעולות צו ערלעדיגן זאַכן, איז וויכטיג צו אוועקשטופּן די פראַגע: "וואָס וועט זיין די תוצאה?!" מ'דאַרף זיך מרגיל זיין נישט צו טראַכטן די סאָרט געדאַנקן, **ווייל דאָס זענען מחשבות וואָס מאַכט פּשוט חרוב דעם מענטש.** ס'איז פּשוט אומזינסטע טרדות: **ווער האָט דיך געבעטן טראַכטן אַ זאַך וואָס איז נישט אין דיינע הענט?!**

מענטשן דרייען זיך אַרום אינגאַנצן צעטראָגן און פאַר'דאגה'ט פון זאַכן וואָס ליגן אפילו נישט אין זייער יכולת! זיי רעדן זיך איין אַז זיי קענען דאָס אליינס אויספירן און דערנאָך ווען מ'זעט אַז ס'איז נישט געגאַנגען, קלאַפּט זיי דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער, זיי פּרובירן מיט געוואַלד נאָך שטאַרקער און זיי פאַרלירן זייער מנוחת הנפש!

דאָס איז דאך אַזאַ טעות, **דער מענטש מאַכט זיך סתם נאַריש**, ער ווישט זיך די שווייס פאר גאָרנישט... זיי זיך מרגיל צו טראַכטן ריכטיג: "דער רבוש"ע האָט מיך יעצט מזמין געווען אַ חסד, פאַרוואָס דאַרף איך זיין טרוד מיט'ן דאגות איבער די רעזולטאַטן וואָס האָט נישט מיט מיר בכלל?!".

### די רואיגקייט פון ערלעדיגן טרדות, אָבער אָן קיין דאגה פון רעזולטאַטן

ווען מען לעבט אַזוי, **באַקומט מען דאָך אַזאַ 'מנוחת הנפש' שאין דוגמתה**, ווייל מען ווייסט קלאָר אַז סיי האָט דער רבוש"ע מיך קיינמאָל נישט געהייסן ברענגען תוצאות און סיי קען איך דאָס ניטאַמאָל דערגרייכן! איך קען בלויז טון אַ

פעולה פון 'נתינת חסד', אַ פעולה פון זיך מדבק זיין צום רבוש"ע דורך מטיב זיין פאַר אַנדערע אידן!

דאָס גיט אַזאַ רואיגקייט ווייל די גאַנצע צייט וואָס דער מענטש איז פאַרנומען צו ערלעדיגן זיינע טרדות האָט ער פשוט אינזין צו מקיים זיין די מצוה פון חסד! **ער שפירט אַ 'תענוג' פון דער 'עצם קיום המצוה' און ער ווארט ניטאַמאָל אויף קיין תוצאות!**

## ריכטיגע תוצאות קומט בלויז דורך תפלה

אָבער וויאַזוי וועט טאַקע ווערן די ישועה?! אָה, דערפאַר זאָגט דאך די גמרא וויאַזוי דאָס אַרבעט: אַלס די ערשטע שטאַפל דאַרף מען טון די נאָרמאַלע השתדלות וואָס איז דער 'סדר העולם'.

איי, הרבה עשו ולא עלתה בידם?! האסט אַריינגעשיקט אַן אַפּליקאַציע ווייל האסט געוואָלט אַז דיין בחור זאל נתקבל ווערן און למעשה האָסטו צוריק באַקומען אַ 'לא נתקבל'? די ישיבה נעמט נאר אָן 25 בחורים און 80 בחורים האָבן אַריינגעשיקט אַפּליקאַציעס?! דאָס איז טייטש 'הרבה עשו ולא עלתה בידם', און **די גמרא האָט אונז אַ מהלך דערויף: "יבקש רחמים"!** ריכטיגע תוצאות קומט בלויז דורך תפלה!

זיי זיך מבטל צום רבוש"ע! **זאָג עס אַרויס אַז ער איז דער איינציגער וואָס קען דיך ברענגען די ישועה. דעמאָלט וועסטו טאַקע געהאָלפן ווערן!** וויאַזוי גענוי? זאָגט אונז דער 'חובת הלבבות' אַז פאַר'ן 'בעל בטחון' איז נישט קיין גרויסער חילוק וויאַזוי די ישועה וועט אָנקומען, **זיין ישועה איז אים סייווי מובטח אַז ס'וועט אָנקומען פון סיי וועלכע ריכטונג!** ער באַקומט דאך זיין שפע פון השי"ת אליינס און דער רבוש"ע קען מאַכן אַזעלכע סאָרט אופנים וואָס איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן.

נאָכדעם וואָס דער 'בעל בטחון' האָט געדאַוונט, **טראַכט ער ניטאַמאָל אויף וועלכע סאָרט אופן די ישועה וועט אָנקומען.** ער לעבט נישט יעצט מיט טרדות אַז ער דאַרף עס נאָך געבן איין קליינע שטופּ, ער דאַרף נאָך קלונגען נאָך איין עסקן... ער ווייסט אַז דאָס זענען איבריגע דאגות וואָס גייט סייווי גאָרנישט ברענגען.

## לאָמיר טון בלויז די צוויי 'פּעולות' וואָס ברענגען אַ געשמאַק

נאָכדעם וואָס מען נעמט דאָס גוט אַריין אין קאָפּ הייבט מען אָן לעבן מיט אַ געוואַלדיגע 'מנוחת הנפש', ווייל ווען מ'טרעפט זיך אין אַ מצב וואָס מ'דאַרף מסדר זיין פּראָבלעמען מיט טרדות, **דאַרף מען יעצט בלויז טון צוויי געשמאַקע זאַכן:** ערשטנס, דאַרף מען עוסק זיין מיט די אָנגענומענע 'מעשה חסד' לויט'ן סדר העולם און צווייטנס, דאַרף מען מתפּלל זיין צו השי"ת. **דאָס אַלעס און גאָרנישט מער!**

פאַרשטענדליך אַז אויך די תפלה דאַרף זיין אויף אַ וועג פון 'ביטול' און 'הכנעה', נישט צו וועלן שטופּן דעם רבוש"ע און נישט אים צו געבן קיין עצות וויאַזוי די ישועה זאל אָנקומען...

## די תענוג פון ריכטיגע 'השתדלות' באַגלייט מיט 'תפלה'

יעדעס מאָל וואָס אַ 'בעל בטחון' דאַרף ערלעדיגן פאַרשידענע טרדות, איז דאָס געבויעט בלויז אויף אָט די צוויי זאַכן, וואָס בעצם איז דאָס צוויי גאָר אַנגענעמע זאַכן. **אויב מען טוט דאָס ריכטיג גיט דאָס פשוט אַ געוואַלדיגע תענוג פאַר'ן נפש פונעם מענטש.**

די ערשטע תענוג איז אַז **ער ברענגט זיך אַרויס זיינע 'כוחות הנפש' צו העלפן מענטשן,** וואָס דורכדעם איז ער זיך מדבק צו השי"ת 'מה הוא חנון אף אתה חנון'. דערנאָך האָט ער אַ באַזונדערע תענוג אַז **ער זיך מדבק צו השי"ת דורך תפלה!** ער געדענקט אַז דער רבוש"ע איז אים מחי', ער איז מחי' די גאַנצע בריאה, ער שטעלט צו פאר יעדן זיינע באַדערפענישן.

די צוויי זאַכן 'השתדלות' און 'תפלה אויף די תוצאות' זענען דאָך אַזוי געשמאַק, **אודאי לעבט דער מענטש מיט אן אינערליכע 'מנוחת הנפש' און 'שמחת החיים'!**

## זיך נישט אָנברענגען בידים קיין עגמת נפש

אָט די געשמאַקע תענוג קען בלויז פּאַסירן אויב דער מענטש מישט נישט אויס די יוצאות, און ווען ער טוט די 'מעשה חסד' ווארט ער נישט אַגאַנצע צייט אַז דאָס זאָל ברענגען די תוצאות וואָס ער וויל!

לעצטנס איז אויסגעקומען צו הערן פון אַ איד וואָס האָט געהאַט אַזאַ סאָרט פּראָבלעם מיט אַ בחור אין ישיבה. דער טאַטע האָט זיך אויסגערעדט: "איך האָב שוין געטון יעדע זאַך אויף דער וועלט, איך האָב געמאַכט פּראָטעקציע פון אַלע זייטן, כ'האָב געשלעפּט יעדע שטריק וואָס מ'קען שלעפּן, און ס'האָט מיך נאָכנישט געהאָלפן"...

מ'זעט דאָך בחוש אַז דער מענטש האָט זיך ליידער אליינס אָנגעברענגט זיין עגמת נפש. אודאי האָט דיין בחור נאָכנישט קיין ישיבה, ווייל דו האסט געוואָלט דאָס באַווייזן מיט דיינע צען פינגער, און מיט מענטשליכע פּעולות קען מען גאָרנישט דערגרייכן!

**האָסט טאַקע געמאַכט טעלעפאָן קאָלס, האסט געשוויצט און געאַרבעט, אָבער ס'איז געווען אַ בחינה פון 'ולא עלתה בידו'** ווייל וויפיל מער מען טוט אַזעלכע סאָרט השתדלות ווערט נאָכמער 'לא עלתה בידו'. ס'איז בלויז פאַרהאַן איין איינציגע מיטל וואָס קען העלפן אויספירן זאַכן אויף למעשה, דאָס איז 'תפלה' ווי די גמרא זאָגט בפירוש: 'ירבה בתפלה'. נאָר דאָס קען ברענגען פאַקטישע רעזולטאַטן!

# אור החיים הק'

**ושמרתם ועשיתם;**

די גרויסע קדושה וואָס מען באַקומט פון מקיים זיין אַ 'לא תעשה'

ערש"ק פרשת שמות כ' טבת תשע"ט

א

## לשמור ולעשות; די עיקר הקפּדה פון דעם רצון ה' איז נישט צו עובר זיין אויף קיין 'לא תעשה'

### פאַרוואָס שטייט קודם די שפּעטערע זאַך?!

דער פּסוק אין פרשת שמות זאָגט אַז ווען משה רבינו האָט געזען וויאַזוי די 'סנה' ברענט אין פייער און ס'ווערט נישט פאַרברענט, האָט ער אָנגעהויבן צוגיין נענטער, און השי"ת האָט אים געזאָגט: "**אל תקרב הלום**" - דערנענטער זיך נישט. "**של נעליך מעל רגליך**" - נעם אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס. "**כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא**".

זאָגט דער אור החיים הק' אַז ווען מען קוקט אַריין אין פּסוק, שטייט דאָ צוויי באַזונדערע

**אותיות מחכימות** — אור החיים הק׳; שמות ג, ה

ויאמר אל תקרב הלם של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קדש הוא.

הנה ב׳ דברים יצו אותו ה׳: אחד - שלא יקרב, ואחד - שישלוף נעל רגלו, שלא יעמוד בו אפילו במקום שהוא עומד בו, כאומרו: המקום אשר אתה עומד עליו כבר אדמת קודש הוא.

וצריך לדעת: למה לא הקדים לומר לו הסרת מכשול שכבר הוא נתון בו, שהוא עומד במנעלו על אדמת קודש, ואחר כך יצו עליו לבל יקרב הלום.

דע, כי בכל התורה כולה גילה ה׳ דעתו ורצונו כי עיקר הקפדתו ומוסרו הוא על מצות לא תעשה, כי זה יחבול בנפש, והוא טעם אומרו (קהלת, יב): ״והרוח תשוב וגו׳ אשר נתנה״, ואמרו ז״ל (שבת דף קנב:): ״תנה לו כמו שנתנה לך״, אבל מצות עשה הם השגת הטוב כשיהיו, ובהעדרם אין עונש. זולת על פרטים ידועים כגון פסח ומילה.

והנה, כאן צוה לו ה׳ מצות לא תעשה ומצות עשה: לא תעשה היא אל תקרב הלום, ואמרו ז״ל (עירובין צ״ו. שבועות ל״ו ע״ב): ״כל מקום שנאמר ׳פן׳ ו׳אל׳ אינו אלא לא תעשה״, ומצות עשה היא: של נעלך, ואם משה יקרב הלום - הרי עבר על לא תעשה, ואם לא יסיר נעלו, הגם שאינו דרך כבוד למקום, לא עבר אלא אעשה ממה שאמר לו ה׳ בלשון עשה.

ותמיד יקדים ה׳ השמירה לעשיה דכתיב (דברים ד׳, ו׳): ״ושמרתם ועשיתם״, ״לשמור לעשות״ (שם טו ה), ״משמרתי מצותי״ (בראשית כ״ו, ה׳). לזה גם כאן הקדים החמור: אל תקרב - לא תעשה, ואחר כך עשה - של וגו׳, שינהוג כבוד במקום המקודש.

זאַכן. איינס: ״אל תקרב הלום״, אַז ער זאָל נישט גיין נאָנטער. און דאָס צווייטע: ״של נעליך מעל רגליך״, אַז אפילו אויף דעם פּלאַץ וואו ער שטייט יעצט זאָל ער זיך אויסטון די שיך, ווייל ס׳איז אן ׳אדמת קודש׳.

שטעלט זיך דער אוה״ח הק׳ אַז לכאורה, לויט דעם סדר הדברים, וואָלט השי״ת געדאַרפט ערשט זאָגן אַז ער זאָל אַראָפּנעמען די שיך, ווייל דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס איז יעצט דאָ, תיכף ומיד אויפ׳ן אָרט וואו ער געפינט זיך יעצט. ער שטייט דאך מיט שיך על אדמת קודש. דערנאָך וואָלט געדאַרפט קומען דער ציווי אַז ער זאָל נישט גיין ווייטער. אָבער אין פּסוק שטייט פאַרקערט, צוערשט זאָגט די תורה אַז ער זאָל זיך נישט דערנענטערן און הערשט נאָכדעם אַז ער זאָל זיך אויסטון די שיך.

### די האַרבקייט פון עובר זיין אַ ׳לא תעשה׳

זאָגט דער אור החיים הק׳ אַ געוואַלדיגע יסוד: ״דע״ - זאָלסט וויסן. **״כי בכל התורה גילה ה׳ דעתו ורצונו כי עיקר הקפדתו ומוסרו הוא על מצוות לא תעשה״** - אין דער גאַנצער תורה האָט השי״ת קלאָרגעמאַכט זיין רצון אַז זיין עיקר הקפּדה איז אַז מ׳זאָל זיין אָפּגעהיטן פון לא תעשה׳ס, דאָס איז וויכטיגער ווי די מצות עשה׳ס!

פאַרוואָס איז דאָס טאַקע אַזוי?! איז דער אור החיים הק׳ מסביר: **״כי זה יחבול בנפש״** - ווייל אויב אַ מענטש איז עובר ח״ו אויף אַ ׳לא תעשה׳ האָט ער געמאַכט אַ פגם אין זיין נפש און דאָס איז אַ געפערליכע זאַך. **״והוא טעם אומרו** (קהלת יב, ז) **והרוח תשוב אל האלוקים אשר נתנה ואמרו ז״ל** (שבת קנב, ב) **תנה לו כמו שנתנה לך״** - דאָס הייסט אַז די ערשטע זאַך וואָס ליגט אויפ׳ן מענטש אַז ווען ער גיט צוריק זיין נשמה זאל דאָס כאָטש נישט זיין פאַרפּאַטשקעט! געב עס צוריק כאָטש אויף דעם זעלבן מצב ווי דו האסט עס באַקומען!

אַנדערש איז אָבער ביי אַ ׳מצות עשה׳, וואָס אויב מען האָט די מעגליכקייט דאָס צו מקיים ווערט צוגעלייגט קדושה צו דער נשמה, אָבער אויב מען איז דאָס נישט מקיים איז נישטאָ דערביי קיין האַרבע עונשים פון מלקות אָדער כרת, אויסער די צוויי מצות עשה׳ס פון ׳מילה׳ און ׳קרבן פּסח׳ וואָס דאָרט איז יאָ דאָ אַ חיוב כרת אויב מ׳איז דאָס נישט מקיים.

### אַ ׳לא תעשה׳ איז ׳חיוב כרת׳ ווייל דאָס רייסט חלילה אָפּ די נשמה פונעם שורש

די אַלע עונשים וואָס שטייט אין דער תורה זענען נישט בלויז ווי מען גיט אַ פּאַטש פאר אַ מענטש. נאר **דער עונש צייגט וואָס איז געשען מיט דער נשמה דורך דעם חטא**. אַזוי שטייט אין זוהר הק׳ אַז ביי די אַלע איסורים וואו ס׳איז דאָ ׳כרת׳ איז דאָס נישט סתם אן עונש, נאר ס׳איז עפּעס געשען דאָ מיט דער נשמה. ווען דער מענטש האָט געטון די עבירה האָט ער פוגם געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט געמאַכט זיין נשמה זאל אָפּגעריסן ווערן פונעם שורש רח״ל.

ווען מען איז מבטל אַן ׳עשה׳ איז מען בדרך כלל נישט אַזוי שטאַרק פוגם, צו אָפּרייסן די נשמה פונעם שורש, דערפאַר איז נישט דאָ דערביי קיין ׳כרת׳. אויסער ביי די מצות פון ׳פּסח ומילה׳, וואָס דער זוהר הק׳ זאָגט אַז ביי די מצוות ווערט יאָ אָפּגעריסן די נשמה, פּונקט ווי ווען מ׳איז עובר אויף אַ ׳לא תעשה׳. אָבער אויסערדעם, באופן כללי, איז דאָס עובר זיין אויף אַ ׳לא תעשה׳ אַסאַך האַרבער ווי עובר זיין אַן ׳עשה׳ ווייל מען איז ׳חובל בנפשו׳.

### די תורה איז אַלעמאָל מקדים ׳לא תעשה׳ בעפאָר די ׳עשה׳

לויט דעם, איז דער אוה״ח הק׳ מסביר, אַז דער אויבערשטער האָט דאָ געזאָגט פאַר משה רבינו צוויי זאַכן. אַ מצות ׳לא תעשה׳ אַז ער נישט קומען נענטער, און אַ ׳מצות עשה׳ אַז ער זאָל זיך אויסטון די שיך. אַצינד, אויב משה רבינו וואָלט געגאַנגען אפילו בלויז איין טריט ווייטער, **וואָלט ער חלילה עובר געווען אויף אַ ׳לא תעשה׳**. אָבער אויב ער וואָלט נישט אויסגעטון די שיך, הגם ס׳איז נישט קיין דרך כבוד למקום, אָבער ער וואָלט עובר געווען נאָר אויף אַן ׳עשה׳.

דערפאַר האָט דער אויבערשטער דאָ מקדים געווען די ׳לא תעשה׳ בעפאָר די ׳עשה׳, ווייל אַזוי געפינען מיר איבעראָל אין דער תורה, ווי די פּסוקים זאָגן: ״ושמרתם ועשיתם״, ״לשמור ולעשות״, ״משמרת מצותי״. **די ערשטע זאַך דאַרף מען זיך אַכטונג געבן נישט צו קאַליע מאַכן, נאָכדעם קען מען צולייגן גוטע זאַכן.**

ב

# אשר קדשנו במצותיו; די אידישע נשמה ווערט געהייליגט דורך מקיים זיין מצות ׳עשה׳ און ׳לא תעשה׳

### מ׳דאַרף וויסן די חומר פון עובר זיין אויף אַ ׳לא תעשה׳

דאָס איז אַ געוואַלדיגע יסוד פונעם אור החיים הק׳, ווייל צומאָל קען מען זיך אַביסל נאַרן ווען ס׳קומט צו די ענינים. מיר קענען אַמאָל טראַכטן: ״ברוך ה׳ איך האָב געטון די מצוה און יענע מצוה״, בשעת וואָס מען איז חלילה נכשל געוואָרן מיט׳ן רעדן וואָס מ׳דאַרף נישט, אָדער קוקן וואָס מ׳דאַרף נישט, אָדער אַנדערע לא תעשה׳ס.

דער מענטש וויל זיך מחזק זיין אַז למעשה טוט ער מצוות און צוליב דעם פאַרקוקט ער אויף זיינע לא תעשה'ס. **ס'איז טאַקע זייער חשוב אַז מען איז מקיים מצוות, אָבער די לא תעשה'ס זענען אַסאַך אַ האַרבערע זאַך**, ווי דער אוה"ח הק' זאָגט אַז: "כי זה יחבול בנפשו"!

## יעדע מצוה ברענגט אַ מורא'דיגע קדושה און דביקות

אָט דער זעלבער יסוד שטייט אין חסידי'שע ספרים מיט אַן עומק, אַז נישט בלויז איז אַ 'לא תעשה' האַרבער וויבאַלד עס מאַכט קאַליע די נשמה, נאר ס'ליגט דאָ נאָך אַ טיפערע נקודה.

מיר ווייסן דאָך אַז ווען אַ איד איז מקיים אַ מצות עשה באַקומט ער דערפון אַ געוואַלדיגע קדושה. ווען אַ איד שאָקלט לולב איז דאָס נישט בלויז אַז ער איז מקיים די חיצוניות'דיגע ענין מיט דעם 'חפצא של מצוה', נאר **ער ווערט ממש דבוק צום אויבערשטן דורך די פּנימיות וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער מצוה.** דער קיום המצוה ברענגט אויף אים אַ מורא'דיגע הייליגקייט און נאָענטקייט צום רבוש"ע!

## אַלע מצוות האָבן דעם זעלבן תכלית פון קרבת ה'

מען זעט טאַקע אַז אַלע 'ברכת המצוות' הייבן זיך אָן מיט דעם זעלבן לשון: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצונו", שפּעטער טוישט זיך עס יעדעס מאָל לויט די מצוה, על נטילת ידים, על נטילת לולב, על אכילת מצה, א.א.וו. אָבער דער אָנהויב איז אַלעמאָל דאָס זעלבע, ווייל **אַלע מצוות האָבן די זעלבע באַדייט: צו געבן קדושה פאַר'ן מענטש און אים ברענגען נאָענט צום רבוש"ע!** אַמאָל איז דאָס דורך 'נטילת ידים', אַמאָל דורך 'אכילת מצה', אָבער ס'איז אַלעס איין תכלית: **אַז דער איד זאל זוכה זיין צו דביקות בהשי"ת און צו אַ געוואַלדיגע קדושה דורך דעם קיום המצוה.**

## די חיות דקדושה פון נישט עובר זיין אויף קיין 'לא תעשה'

לויט דעם פאַרשטייט מען אַז דער מענטש באַקומט אויך דאָס זעלבע 'חיות דקדושה' און ער ווערט נתעלה, דורך נזהר זיין פון אַן עבירה! ווייל אויב וואָלט די קדושה פון אַן 'עשה' געקומען בלויז פון טון די 'עשיה' פון דער מצוה, דעמאָלט וואָלט מען געקענט קלערן אַז ווען איינער האָט נישט געטון קיין עבירה האָט ער טאַקע נישט קאַליע געמאַכט, אָבער פון וואו זאָל ער יעצט באַקומען אַ נייע תוספות קדושה?!

אָבער אויב מען ווייסט אַז די קדושה וואָס מען באַקומט דורך אַ 'מצות עשה' פּאַסירט פון אַ פּנימיות'דיגע פלאַץ. וויבאַלד דער מענטש האָט זיך משעבד געווען צו טון דעם רצון ה'. ווען ער האָט מקיים געווען די מצוה, ווערט ער דורכדעם

## ◄אותיות מחכימות►

ספה"ק זרע קודש, פרשת שמיני, ד"ה והתקדשתם

והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני. דהנה בכל מצוה שאדם עושה, ממשיך על עצמו ועל נפשו קדושה עליונה, על ידי שעושה מעשה באבריו ומכניסן לקדושה ע"י הכנסתן בעשיות המצוה. מה שאין כן כשהוא רק סור מרע איך בזה ממשיך קדושה על נפשו, כיון שאין מכנים עצמו בעשיות המצוה הקדושה באבריו, רק שאינו מטמא אותן.

רק על זה אמרו חז"ל 'ישב ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושי מצוה', שממשיכין עליו קדושה מלמעלה, כאילו עשה מצוה, כיון שקיים רצונו ית"ש במה שלא עבר עבירה. וזה שאמר הכתוב כאן שע"י פרישת ישראל עצמם מדברים טמאים, ימשיך ית"ש עליהם קדושה, כאילו הי' ממשיכים על עצמם קדושה ע"י עשיות המצוה, 'והייתם קדושים כי קדוש אני ולא תטמאו את נפשותיכם', ע"י שלא תטמאו אמשיך עליכם קדושה.

דבוק צום אויבערשטן. דעמאָלט פאַרשטייט מען אַז **די זעלבע זאַך געשעט, ווען אַ איד מאַכט אָפּ אַ פּנימיות'דיגע החלטה אַז ער גייט נישט קוקן וואָס מ'דאַרף נישט, ער גייט נישט רעדן וואָס מ'דאַרף נישט**, האָט ער דאָך עס געטון ווייל ער וויל מקיים זיין דעם רצון ה', אודאי באַקומט ער יעצט אַ נייע געוואַלדיגע קדושה דורך זיך איינהאַלטן פון דעם 'לא תעשה'!

## דאָס חיות פון די שס"ה גידים קומען פון די שס"ה לא תעשה'ס

באמת איז דאָס פּשוט מוכרח אַז די נשמה באַקומט אַ 'חיות דקדושה' פון מקיים זיין לאוין, ווייל מיר ווייסן דאָך פון דעם כלל אַז דורך די רמ"ח מצות עשה קומט אַריין אַ חיות פאַר אונזערע רמ"ח אברים און דורך די שס"ה לא תעשה באַקומען מיר חיות פאַר די שס"ה גידים.

זעט מען דאָך אַז דער גאַנצער מענטש איז אויסגעשטעלט אויף דעם אופן אַז **יעדע 'אבר' און 'גיד' באַקומט חיות דורך דעם צינור פון די 613 מצוות.** מוז דאך זיין אַז מיר באַקומען דאָס זעלבע סאָרט חיות, **סיי פון די מצות עשה'ס און סיי פון די מצות לא תעשה'ס**, ווען מען גיט אַכט אַז מ'זאָל נישט פוגם זיין חלילה.

## די שמחה נפלאה ביים זיך מתגבר זיין אויף נסיונות

די וועג וויאַזוי מען באַקומט די חיות פון לא תעשה'ס איז ווען ס'איז 'בא לידו' אַ נסיון פון אַן עבירה און מען איז זיך מתגבר דערויף. אַזוי פאַרציילט מען אויף הרה"ק רבי **יוחנן מראחמיסטריווקא** זצ"ל, אַז ער איז אַמאָל געפארן מיט זיין זון אויף אַן אויטאָבוס אין ארץ ישראל. אויפ'ן וועג האָט זיך אַוועקגעזעצט פאָרנט פון זיי אַ נישט גוטע מראה און זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אויסוועג וויאַזוי זיך צו אַרויסדרייען פון דאָרט נאר דורך פאַרמאַכן די אויגן. אַגאַנצן וועג איז ר' יוחנן געזיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן און גע'חזר'ט מיט אַ גרויסע שמחה די געוואַלדיגע זכות וואָס איז זיי אונטערגעקומען צו מקיים זיין אַ 'לא תתורו'...

אַזוי איז דאָס טאַקע. **ווען אַ איד האָט אַ נסיון פון 'בא לידו' און ער שטאַרקט זיך, איז דאָס אַ געלעגנהייט וואָס ער קען דערפון נעמען חיות**, פּונקט ווי ס'וואָלט אים אונטערגעקומען דער זכות פון אַן אַנדערע מצות עשה.

## זיך צוריקהאַלטן פון מאכלות אסורות איז מקדש דעם איד

דער הייליגער **ראָפּשיצער רב** זי"ע אין 'זרע קודש' פּרשת שמיני זאָגט דעם יסוד אויפ'ן פּסוק 'והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני', וואָס שטייט נאָך די גאַנצע פּרשה פון די 'מאכלות אסורות'.

ווייל די תורה וויל אונז זאָגן אַז פּונקט ווי ביים מקיים זיין אַ 'מצות עשה' ווערט מען געהייליגט, **די זעלבע קדושה קומט אַראָפּ אויפ'ן מענטש ווען ער איז מקיים אַ 'לא תעשה' און ער האַלט זיך צוריק פון עסן דברים אסורים.** ס'איז נישט בלויז אַז מען איז נישט נפגם געוואָרן, נאר מען ווערט נתקדש מיט אַ נייע 'תוספת קדושה' דורך נישט טון די עבירה!

> די זעלבע זאַך געשעט, ווען אַ איד מאַכט אָפּ אַ פּנימיות'דיגע החלטה אַז ער גייט נישט קוקן וואָס מ'דאַרף נישט ער גייט נישט רעדן וואָס מ'דאַרף נישט

# זה שמי לעולם; די מורא'דיגע 'תוספת קדושה' וואָס ווערט נשפע דורך זיך אָפּהיטן פון עבירות

## דאָס געוואַלדיגע חיות דקדושה פון אַ מצות 'לא תעשה'

אין **ספרים הק'** שטייט נאָכמער, אַז דאס חיות וואָס ווערט נשפע דורך אַ מצות 'לא תעשה' **איז נאָך מיט אַסאַך אַ גרעסערע 'תוספת קדושה' ווי דאָס חיות וואָס קומט דורך אַ 'מצות עשה'!**

ס'איז דאָ דערפאַר עטליכע סיבות. די ערשטע טעם איז איז ווייל, ווי דערמאַנט, קומט דאָס חיות צום מענטש, דורך די התבטלות וואָס ער האָט צום רצון ה' בשעת ער איז מקיים די מצוה. אויב אַזוי, **וויפיל שווערער די מצוה קומט אָן, אַזויפיל שטאַרקער איז די דביקות דערפון, און אַזויפיל מער איז די חיות דקדושה וואָס דאָס איז גורם!**

ווען אַ איד שטאַרקט זיך נישט עובר צו זיין קיין 'לא תעשה' איז אויטאָמאַטיש דאָ אַ גרעסערע ביטול להשי"ת און ער וועט באַקומט אַ גרעסערע 'תוספת קדושה'!

## פון 'לא תעשה' האָבן די חיצונים נישט קיין שום יניקה

נאָך אַ סיבה שטייט אין ספה"ק **'בת עין'** פרשת ויצא (ד"ה וירא ה' כי שנואה לאה) אַז ווען מען איז מקיים אַ 'מצות עשה' איז אַלעמאָל דאָ אַ חשש אַז די חיצונים קענען זיך אַרויפכאַפּן דערויף, ווייל ס'קען זיין אַז מען טוט די מצוה מיט אַ מחשבה פון 'התפארות'. ווען מען איז מקיים אַן 'עשה' קענען אַנדערע מענטשן דאָס זען, אויטאָמאַטיש קען דאָס גורם זיין אַ פּני' פון אפילו אַ משהו 'גאוה'.

אָבער ווען אַ איד האַלט זיך צוריק פון אַ 'לא תעשה' **האָט דאָך קיינער גאָרנישט געזען.** ער האָט געוואָלט זאָגן אַן אומאויסגעהאַלטענע ווארט און ער האָט דאָס נישט געזאָגט, **קיינער כאַפּט אפילו נישט אַז דאָ איז יעצט עפּעס געשען.** במילא איז נישטאָ דאָרט קיין שום 'אחוזה' פון די חיצונים!

זאָגט דער 'בת עין' אַז ביי אַ 'מצות עשה' איז זייער שווער אַז מען זאָל דאָס מקיים זיין גענצליך לשמה, וואָס דעריבער קומט אויס אַז אפילו ווען פון הימל גיט מען טאַקע אַ חיות פאר דעם איד וואָס איז מקיים די מצוה, אָבער די חיצונים נעמען צו אַביסל דערפון, זיי זענען יונק פון דער מצוה.

ווידער ביי אַ 'לא תעשה' איז בדרך כלל אַסאַך מער לשם שמים, אָן קיין שום שייכות מיט קיין פניות, **דערפאַר איז דאָרט דאָ אַסאַך מער 'חיות דקדושה'**, ווייל די חיצונים קענען נישט יונק זיין דערפון!

## ביי אַ 'לא תעשה' פאָדערט זיך נישט קיין 'לשם יחוד'

מיט דעם יסוד פון דעם 'בת עין' קען מען פאַרשטיין אויך אַ שיינע דערהער, פאַרוואָס ס'איז נישטאָ קיין 'לשם יחוד' בעפאָר מען איז זיך מתגבר אויף אַ 'לא תעשה'.

דאָס איז וויבאַלד די כוונה פון זאָגן 'לשם יחוד' איידער אַ מצוה איז כדי צו מאַכן אַ שמירה אַז די 'חיצונים' זאָלן נישט קענען יונק זיין פון דער מצוה. אָבער ביי אַ 'לא תעשה' ווי ס'איז סייווי נישט דאָ קיין יניקה פאר די חיצונים דאַרף מען שוין סייווי נישט זאָגן קיין 'לשם יחוד'. די מצוה איז שוין ממילא אָפּגעהיטן און זיי האָבן נישט קיין שייכות דערמיט.

## די שפע פון אַ 'לא תעשה' קומט פון אַ העכערע וועלט

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די קדושה פון אַ 'לא תעשה' איז אַזויפיל מער און שטאַרקער ווי די חיות פון אַ 'מצות עשה', שטייט אין ספה"ק **'תורה אור'** פון דעם **'בעל התניא'** (פרשת שמות) אַז די גאַנצע שפע וואָס דער מענטש באַקומט, סיי פון אַן 'עשה' און סיי פון אַ 'לא תעשה', קומט פון דעם שם הוי'.

דער שם פון הוי' איז דאָך מחי' אַלע נבראים און אַלע עולמות, פון דאָרט קומט אַרויס דער 'צינור' וואָס איז משפיע חיות פאר דעם מענטש וואָס איז מקיים מצות עשה'ס און מצות לא תעשה'ס.

איז דער בעל התניא מסביר אַז דאס חיות פון די מצות לא תעשה'ס קומט פון די ערשטע צוויי אותיות, יו"ד און ה"א. און דאס חיות פון די מצות עשה'ס קומט פון די צווייטע צוויי אותיות, וא"ו און ה"א.

דאָס איז מרומז אין דעם פסוק: **"זה שמי לעולם וזה זכרי לדור ודור"**. דאָס וואָרט 'שמי' צוזאַמען מיט 'י-ה' איז בגימטריא שס"ה. דאָס גייט אַרויף אויף די שס"ה לא תעשה'ס. ווידער דאָס וואָרט 'זכרי' צוזאַמען מיט 'ו-ה' איז בגימטריא רמ"ח, וואָס גייט אַרויף אויף די מצות עשה'ס.

דער בעל התניא איז דאָרט מאריך אַז דאָס חיות וואָס מען באַקומט פון אַ 'לא תעשה' ווערט נשפע פון די ערשטע צוויי אותיות, **וואָס דאָס איז אַ העכערע מקום עפ"י סוד אין די עולמות העליונים.**

> **וויפיל שווערער די מצוה קומט אָן, אַזויפיל שטאַרקער איז די דביקות דערפון**

## דאס חיות דקדושה פאר אַ 'לא תעשה' ווערט נשפע פון אַ באַהאַלטענע מקום עליון

מען קען דאָס פאַרשטיין אויף נאָך אַן אופן, לויט ווי עס שטייט אין **ספרים הק'** אַז דאָס וואָרט 'מצוה' איז מרמז אויף דעם שם הוי', ווייל די ערשטע צוויי אותיות, מ-צ, זענען אַזוי ווי 'י-ה' אויב מען רעכנט דאָס מיט דעם סדר פון 'א"ת ב"ש'.

אָבער די אותיות זענען באַהאַלטן ווייל דאָס איז מרמז אויף באַהאַלטענע העכערע עולמות. מען איז זוכה דערצו דורך מצות לא תעשה'ס, וואָס אַרבעט אויך אויף דעם אופן, **אַז מען איז דאָס מקיים באַהאַלטענערהייט ווען קיינער זעט נישט.** די געווענליכע סדר פון מקיים זיין אַ 'לא תעשה' איז "ישב ולא עבר עבירה", פון אינדרויסן זעט מען גאָרנישט קיין שום עשיה, און אויך די חיות דערפון קומט פון אַן 'עלמא דאתכסיא', פון אַ העכערע מקום אין די עולמות העליונים!

## די שכר פאר אַ 'לא תעשה' איז אַ מורא'דיגע 'תוספת קדושה'

על כל פנים, ווען מען לערנט וואָס דער אור החיים הק' זאָגט אַז ווען מען איז עובר אויף אַ 'לא תעשה' איז מען אַ 'חובל בנפשו' איז נישט זיין כוונה בלויז אַז ווען אַ איד האַלט זיך צוריק פון אַן עבירה מאַכט ער זיך נישט קאַליע, ווייל אויב דאָס וואָלט געווען די גאַנצע מעלה דערפון, דעמאָלט וואָלט די נשמה געקענט בלייבן תחת כסא הכבוד. אויב די גאַנצע תכלית פון דער נשמה איז נישט צו קאַליע ווערן קען מען דאָך עס לאָזן אויבן.

נאָר די כוונה פון דעם אור החיים הק' איז אַז ווען אַ איד געפינט זיך דאָ אין דער טונקעלער וועלט און ער איז זיך מתגבר אויף זיינע נסיונות ברענגט דאָס אַ געוואַלדיגע 'תוספת קדושה' און אַ הייליגע חיות פאר זיין נשמה. **ער ווערט דורכדעם אַסאַך מער נתעלה און נתקדש ווי ווען ער איז מקיים אַ 'מצות עשה'!**

ס'איז באַקאַנט די ווערטער וואָס דער גר"א שרייבט אין זיין אגרת: **"וכל רגע ורגע שהאדם חוסם פיו זוכה בשבילו לאור הגנוז שאין מלאך ובריה יכולים לשער"**. דאָס איז ממש די זעלבע זאַך וואָס שטייט אין די ספרים הק' אַז יעדע לא תעשה ברענגט מורא'דיגע קדושה און שפע מיט אַ 'תוספת חיות'.

דאָס איז אַ יסוד וואָס מיר דאַרפן אַלעמאָל געדענקן: **יעדעס מאָל וואָס עס קומט אונטער אַ נסיון, באַדייט דאָס אַז מען גיט אונז יעצט פון הימל אַ געלעגנהייט צו זוכה זיין צו אַ גרויסע קדושה און חיות דקדושה!**

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223